זענען מיר געװען אונטער דער װאַך פון דער תּורה,
אײנגעשלאָסן פאַר דער אמונה, װאָס האָט געזאָלט
24 אַנטפּלעקט װערן׃ אַזױ אַרום איז די תּורה געװאָרן
אונזער דערציִערין פאַר דעם משיח, כּדי מיר זאָלן
25 גערעכטפערטיקט װערן דורך אמונה׃ און אַז די
אמונה איז שױן געקומען, זענען מיר מער נישט
26 אונטער אַ דערציִער׃ װאָרום אַלע זענט איר ג־טס
27 קינדער דורך אמונה אין ישוע המשיחן׃ װאָרום
איר אַלע, װעלכע זענען געטובלט געװאָרן צום
28 משיח, האָבן זיך מתלבּש געװען מיט משיחן׃ עס
גיבּט מער נישט ייד נישט גריך, עס גיבּט מער
נישט קנעכט נישט פרייער (מענטש), עס גיבּט
מער נישט זכר און נקבה; װאָרום אַלע זענט איר
29 אײנס אין משיח ישוע׃ און אויבֿ איר געהערט
צום משיח, זענט איר װירקלעך אברהמס זאָמען—
יורשים לױט דער הבטחה׃

## קאַפּיטל פיר

1 איך זאָג אָבער, אַז כּל זמן דער יורש איז אַ קינד,
אונטערשײדט ער זיך מיט גאָרנישט פון אַ קנעכט,
2 הגם ער איז האַר פון אַלעם; נאָר איז אונטער
אַפּוטרופּסים און פאַרװאַלטער, ביז צו דער צײַט
3 פאָרױסגעזעצט פון דעם פאָטער׃ פּונקט אַזױ אױך
מיר, בשעת מיר זענען געװען קינדער, זענען מיר
געװען אין קנעכטשאַפט אונטער די עלעמענטאַרע
4 כּללים פון דער װעלט; װען אָבער עס איז געקומען
די דערפילונג פון דער צײַט, האָט ג־ט אַרױס־
געשיקט זײַן זון, געבוירן פון אַ פרױ, געבוירן
5 אונטער דער תּורה, כּדי אױסצולײזן די, װאָס
זענען אונטער דער תּורה, כּדי מיר זאָלן באַקומען